## קאַפּיטל צוויי

1 און ווען עס איז געקומען דער טאָג פון שבועות,
זענען אַלע געווען פאַרזאַמלט אויף איין
2 אָרט. און פּלוצלונג איז געוואָרן אַ רעש פון הימל,
ווי פון אַ גיכן און געוואַלדיקן שטורעמווינט,
און האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז, וואו זיי
3 זענען געזעסן. און עס האָבן זיך באַוויזן צו זיי
צעטיילטע צונגען ווי פון פייער, און האָבן זיך
4 געזעצט אויף יעדן איינעם פון זיי. און אַלע זענען
פול געוואָרן מיט דעם רוח הקודש און האָבן אָנגע־
הויבן רעדן אויף אַנדערע לשונות, לויט ווי דער
גייסט האָט זיי געגעבן זיך אויסצודריקן.
5 און אין ירושלים האָבן געוואוינט יידן, יראי־
6 שמים, פון אַלע פעלקער אונטערן הימל. און ווען
דאָס דאָזיקע קול (פונם רעש) איז געקומען, האָט
זיך דער המון עם פאַרזאַמלט און איז צוטומלט
געוואָרן, ווייל יעדער איינער האָט זיי געהערט
7 רעדן אויף זיין אייגן לשון. און זיי זענען דערשטוינט
געוואָרן און האָבן זיך געוואונדערט, אַזוי צו זאָגן:
אָט זעט, צי זענען דען נישט אַלע די דאָזיקע, וואָס
8 רעדן, מענטשן פון גליל? און וויאַזוי (איז עס, אַז)
מיר הערן יעדער איינער אין אונזער אייגענער
שפּראַך, אין וועלכער מיר זענען געבוירן געוואָרן?
9 פּערסיער און מעדער און עלאַמיטן, און די איינ־
וואוינער פון ארם נהרים, יהודה, קפּודקיה, פּאָנטוס
0 און (קליין) אַזיען, פריגיען און פּאַמפיליען, מצרים
און די טיילן פון ליביען ביי קירענע, און די געקומענע
1 פון רוים, יידן און גרים, קרעטער און אַראַבער;
מיר הערן זיי רעדן אויף אונזערע לשונות (וועגן